בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ק"ג

יו"ל: ב' תמוז ה'תשפ"ב

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

הערות והארות מתקבלות בחפץ
לב, נא להתקשר אל:
**יוסף מענדל האס**
מאנסי ארה״ב
**1-845-200-0443**
**(ארה״ק: 072-257-3456)**

©
כל הזכויות שמורות

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה
(MP3) של השיעור, יש לפנות דרך
האימייל:
**Rlyb148@Gmail.Com**

ליטול חלק בהוצאות העתקות
הטייפ׳ס ולהדפיסם, וכמו כן
לקבל את הקונטרסים דרך הדואר
(בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15
יכולין להתקשר:
**להרב נחמן אשר האס**
**(+1) 845-548-1179**

# תוכן השיעור

**וואס מען טוהט, טוהט מען**
**נאר זיין פריילין**
**אבי א קינד**
**משיח וועט מגלה זיין א נייעם דרך אין נגינה**
**ר׳ אברהם יעקב גאלדרייך ז״ל**
**אפגע׳פטר׳ט דעם קאמאנדיר**
**אוועקגעלייגט דאס ׳שערן אייזן׳**
**א טענצל פארן הסתלקות...**
**דאס טענצל נאכן ברית**
**השבת בטשעהרין**
**הנה באתי במגל״ת ספר**
**מה לילוד אשה ׳בינינו׳**
**זיך גרייטן פון פריער**
**צולייגן קאפ צו יעדעס ווארט**
**שבעה משיבי טעם**
**דראט ארבעט**
**אנגעוואונטשן אריכת ימים**
**להרחיק בין האילנות**
**העכער פון תיקונים!**

ניתן להאזין לכל השיחות שי״ל על ידינו:
בקו ׳מערכת ברסלב׳
**ארה״ק: 02.560.7387**
**ארה״ב: 646.585.2985**
**ענגלאנד: 0330.390.0487**
**בעלגיע: 03.808.1775**
לשמיעת השיעור המצו״ב יש להקיש:
**#2.1.2.1.1 ואח״כ #103**

בס"ד

# פרשת וישלח
## שנת תשל"ו

(טייפ מס' 117#)

## וואס מען טוהט, טוהט מען

(חסרה ההתחלה. שיחת חברים נעימה בביקור חולים אצל ר' לוי יצחק אחר עברו ניתוח במעיים בתחילת החורף דהאי שתא) **רלוי"צ:** די אלע שיעורים וואס מען האט א גאנץ יאר - אז עס קומט דארטן חודש אלול (- שעוסקין בַּאמירות[א]) טאר מען נישט גורע זיין, מען דארף נאר מוסיף זיין נאך זאכן.

**ר' נחמן בורשטיין:** איך מיין צו פרעגן אנטקעגן דעם וואס יעדער איינער האט זיין סדר אין שולחן ערוך - ווען עס קומט צוגיין פאר פסח, צו למשל יעצט פאר חנוכה, זאל מען איבערהאקן דעם שיעור וואס מען לערנט אלע טאג און לערנען ענינא דיומא?. **ר' לוי יצחק:** אוודאי! וואס דען? מען מעג, אוודאי!

**ר' נחמן:** ווען וועט ער ענדיגן דעם שולחן ערוך? אז עס קומט צוגיין פסח איז דאך א וועלט צו לערנען - כאטש דרייסיג טעג, און אויף פורים גייט דאך אויך אוועק אסאך, סוכות, ראש השנה, קומט אוים, אז עס בלייבט אינגאנצן זעקס מאנאטן צו

[א] כמובא בשיחות הר"ן קכ"ז; ורצ"ד.

**לערנען - האט מען זיך טאקע אזוי געפירט אז מען האט אפגעלאזט דעם שיעור וואו מען האלט?. רלוי"צ: מען האט נישט אינגאנצן אפגעלאזט!**

**ר' נחמן: נאר מ'האט ממַעט געווען אין דעם שיעור און מוסיף געווען בעניינא דיומא?. רלוי"צ: יא!**

**ר' נחמן: איך האלט היינט אינמיטן יורה דעה!. רלוי"צ: אפלאזן אינגאנצן - נישט!**

**- וואו האלסטו אין יורה דעה?. ר' נחמן: ביי הלכות מליחה צום סוף, מליחת הכבד. רלוי"צ: מען דארף נישט אפלאזן.**

**ר' נחמן: עס איז דא אן ענין צו לערנען א שעה שולחן ערוך?. רלוי"צ: אוודאי, עס איז א גוטע זאך!**

**ר' נחמן: איך מיין צו זאגן - צוויי שעה איז נאך בעסער, נאר צו עס האט א יסוד אז מען זאל לערנען לכל הפחות א שעה?. רלוי"צ: דאס הייסט דאך משפט!**

**ר' נחמן: אזוי ווי התבודדות![ב] רלוי"צ: אוודאי איז זייער גוט.**

**ר' נחמן: מען קען לערנען אביסל מיט די רבינו תם'ס תפילין[ג], און נאכדעם שפעטער לערנען נאכאמאל!**

---

[ב] עי' בביאור הליקוטים על תורה ס"א אות ס"א, שמקשר שם ענין התבודדות ולימוד הלכה לענין תיקון המשפט. ועי' בשיש"ק (חדש) ח"א, תרצ"ג.

[ג] עי' בכוכבי אור - אנשי מוהר"ן, אות ל"ו: "שמעתי מאבי הריני כפרת משכבו ששמע מפי ר' עוזר ז"ל שהאנשים של אדמו"ר זצ"ל חיברו יחד שני אזהרותיו של אדמו"ר זצ"ל שלא ילך יום אחד בלי שולחן ערוך, וגם הזהיר מאד להניח תפילין דרבינו תם (ואמר שלדעתו תיכף כשמתחילין להניח תפילין יתחילו להניח שתי הזוגות) וזה ידוע שמצוה ללמוד בתפלין דרבינו תם **על כן נהגו האנשים שלו שהיו מניחין תפילין דרבינו תם ולמדו בהם שולחן ערוך**".

**רלוי"צ:** יא! וואס מען טוהט – טוהט מען, אבי קיין שלעכטס נישט![ד]

**ר' נחמן:** דאס איז דאך א שיעור וואס דארף זיין 'חק ולא יעבור'![ה]

**רלוי"צ:** דו לערנסט שולחן ערוך אליין? **ר' נחמן:** יא, מיט וועמען זאל איך לערנען?!

**רלוי"צ:** דו לערנסט מיט באר היטב?. **ר' נחמן:** איך לערן מיטן באר היטב - אוודאי! אסאך מאל אז ער ברענגט אראפ א ש"ך וואס איך פארשטיי נישט, קוק איך אריין אינעווייניג אין ש"ך.

**רלוי"צ:** באר היטב איז א גוטער פירוש - דער רבי רעדט דאך פון באר היטב![ו]

**ר' נחמן:** "שולחן ערוך הקטנים"[ז] מיינט ער - מיט באר היטב, אבער דער באר היטב פון אורח חיים איז נישט דער זעלבער ווי דער באר היטב פון יורה דעה. **רלוי"צ:** עס איז פון דעם 'דיין מטיקטין'!

---

[ד] עי' שיחות הר"ן, אות רס"ט: "לענין הבלבולים שמבלבלים את האדם בעבודתו, שלפעמים נדמה שכך הוא צריך לעשות ולהתנהג, ואחר כך נדמה לו שלא כן היה צריך להתנהג רק בדרך אחר וכו', ולפעמים יש להאדם בלבולים גדולים מזה. ענה ואמר: מה צריכין להתבלבל? איך שעושין - עושין! ובלבד שלא לעשות רע חס ושלום. **וויא מען טיט – טיט מען, אביא מע טיט ניט קיין שלעכץ חס ושלום**".

[ה] עי' בשיחות הר"ן, אות כ"ט: "**ועל לימוד הפוסקים הזהיר מאד מאד ביותר מכל הלימודים**. וראוי ללמוד כל הארבעה "שולחן ערוך" כולם מראשם עד סופם כסדר. אם יכול ללמוד כל הארבעה שולחן ערוך עם כל הפירושים הגדולים - מה טוב. ואם לאו - **על כל פנים ילמוד כל הארבעה "שולחן ערוך" הקטנים**. ...ואמר: **שכל איש ישראלי מחוייב ללמוד בכל יום ויום פוסקים ולא יעבור**. ואף אם הוא אנוס ואין לו פנאי, ילמוד על כל פנים איזה סעיף "שולחן ערוך" באיזה מקום שהוא אפילו שלא במקומו שהוא עומד עתה בשולחן ערוך", וכו', עיי"ש.

[ו] עי' באבניה ברזל שיחות וסיפורים מרביז"ל אות ס"ג: "**שיבח רבינו ז"ל את הבאר היטב**". (מובא גם בשיש"ק ח"ג, שנ"ז, (עיי"ש בהערה).

[ז] עי' הערה ה'.

ר' נחמן: יא, אבער אין יורה דעה שטייט: "אב בית דין מבעלז" - דאס איז געווען א צווייטער. און אויף אורח חיים איז "הדיין מטיקטין" - עטליכע האבן געמאכט דעם באר היטב.

רלוי"צ: דער אויבערשטער זאל העלפן מען זאל זיין געזונט און מען זאל קענען משלים זיין אלע שיעורים! דו ביסט שוין איבערגעגאנגען די ארבעה שולחן ערוך'ס איינמאל?

ר' נחמן: ניין! איך האב שוין אנגעהויבן צוואנציג מאל; ווען עס וואלט מיר אריינגעגאנגען שטארק אין קאפ ווי עס איז מיר היינט אריין אז מען זאל זיך אלעמאל פארקנייטשן, וואלט איך שוין געקענט האבן געענדיגט אסאך מאל; אורח חיים אליין האב איך דורכגעלערנט עטליכע מאל!

רלוי"צ: טריפות הָריאה האסטו פארשטאנען? ר' נחמן: איך האב עס געלערנט מיט אמונה...

רלוי"צ: מען דארף אנקוקן א רֵיאה; ווען מיר האבן דאס געלערנט אין ישיבה, זענען מיר געגאנגען צו די שחיטה, און די שוחטים האבן אונז געוויזן אלע שאלות.

❖ ❖ ❖

## נאר זיין פריילך

ר' שמואל קירשנבוים: דער רבי זאגט, אז לב נשבר זאל נאר זיין א שעה צייט - און א גאנצן טאג זיין בשמחה, ווייל עס איז גרינגער צו צוקומען צו עצבות דורך לב נשבר - ווי צו צוקומען צו הוללות דורך שמחה, איז ווי קען מען וויסן צו עס איז לב נשבר צו עס איז עצבות?

**רלוי"צ:** ביי 'לב נשבר' קען מען רעדן צום אויבערשטן דיבורים, אבער ביי עצבות ווערט פארמאכט - עס רעדט זיך נישט; לב נשבר - רעדט זיך! עצבות - רעדט זיך נישט![ח]

**ר' נחמן:** דער רבי זאגט אויך: "אחר לב נשבר בא שמחה" - עפעס עטליכע זאכן וואס דער רבי זאגט א חילוק.

**רלוי"צ:** דו דארפסט זיין כסדר פרייליך - שמואל! דו דארפסט זיין תמיד פרייליך!

דיין טאטע (הרה"ח ר' ישראל שמעון, חתן הרה"ח ר' וועלוול חשין זצ"ל) ע"ה, פלעגט אסאך רעדן מיט מיר אז איך זאל רעדן מיט דיר נאר פון שמחה, ער האט געוואלט אז דו זאלסט זיין פרייליך. דיין טאטע איז געווען אסאך מאל דא אין שטוב - איך זאל רעדן מיט שמואל'ן אז ער זאל זיין נאר פרייליך, נאר זיין פרייליך! דו זאלסט פאלגן דעם טאטן...

❖ ❖ ❖

[ח] עי' שיחות הר"ן מ"א: "**לב נשבר ועצבות אינו ענין אחד כלל**. כי לב נשבר הוא בלב, אבל עצבות הוא בא מן הטחול, ועצבות שהוא מהטחול היא סטרא אחרא והקדוש ברוך הוא שונא אותה. אבל לב נשבר היא חביב לפני השם יתברך, כי לב נשבר יקר מאד מאד בעיניו יתברך! והיה טוב שיהיה לו לב נשבר כל היום, אך אנשים כערככם יכולין לבוא מלב נשבר לעצבות. **על כן צריכין לייחד איזה שעה ביום שיהיה לו לב נשבר דהיינו להתבודד ולשבר לבו לפניו יתברך כמבואר במקום אחר. אבל שאר כל היום כולו יהיה רק בשמחה! ועל זה הזהיר אותנו כמה פעמים** להתאמץ ולהתגבר שלא יהיה לנו לב נשבר רק איזה שעה ביום, ועצבות כלל לא. ושאר כל היום יהיה בשמחה". ושם בשיחה מ"ב: "**עצבות הוא כמו מי שהוא בכעס** וברוגז כמו שמתרעם ומתלונן עליו יתברך חס ושלום על שאינו עושה לו רצונו. **אבל לב נשבר הוא כבן המתחטא לפני אביו** כתינוק שקובל ובוכה לפני אביו על שנתרחק ממנו וכו' ועיין במקום אחר מזה". ושם בשיחה מ"ה: "אחר לב נשבר בא שמחה, **וזה סימן אם היה לו לב נשבר כשבא אחר כך לשמחה**".

# אבי א קינד

ר' נחמן: דער אלטער רבי נתן (ב"ר אברהם שטערנהארץ) פלעגט אלעמאל רעדן פון איינעם ר' אהרן קיילע'ס[ט]; ווער איז געווען דער ר' אהרן קיילע'ס - איר האט געהערט פון אים? אין טשעהרין האט ער געוואוינט, אדער אין ברסלב?

רלוי"צ: ער האט דאך געוואוינט אין טשעהרין אלע יארן – רבי נתן!

ר' נחמן: רבי נתן (שטערנהארץ) איז דאך געווען אין הייסין? אה, איר מיינט רבי נתן בייטלמאכער?. רלוי"צ: יא!

- ער האט דאך געוואוינט אין טשעהרין; זיין טאטע, ר' פנחס יהושע, האט געוואוינט אין טשעהרין. ער (רבי נתן בייטלמאכער) איז געווען דער שרייבערביים טשעהרינער רב (היה מעתיק כתביו). ער פלעגט אים געבן, דאכט זיך, אן האלבן גילדן פאר א (בלאט).

ר' נחמן: ער איז געווען א שיינער שרייבער?. רלוי"צ: יא יא, ער האט געהאט א געפיל אין שרייבן. פאר דעם טשעהרינער רב איז געפעלן זיין שרייבן. ער (ר' נתן) פלעגט זאגן, אז ער האט געהאט פרנסה דערפון. א האלבן גילדן האט ער אים געגעבן דארטן פאר א בלאט.

- דו געדענקסט אים – רבי נתן'ען? ר' נחמן: אווראי! ער פלעגט טראגן א גרויסן טלית זעקל. איך ווייס נישט פארוואס עס איז געווען אזוי גרויס, ווייזט אוים - גרויסע תפילין געווען. איך געדענק אלעמאל א קליין אידעלע - און ער האט זיך געשלעפט דריי שטאק (השול של אנ"ש בעיר העתיקה היה בקומה ג'), עס איז געוואלד געווען

---

[ט] מאנ"ש באומן, למדן מופלג, יתכן שעוד זכה לקבל פני מוהרנ"ת. ר' אברהם שטרנהרץ ובנו ר' נתן היו מרבים לספר ממנו (מפי ר' נחמן בורשטיין - גידולי הנחל)

**ארויפצוגיין אין אלט שטאט** (צום שול)**. און ער פלעגט צוגיין אלע טאג, צוויי מאל א טאג - איינמאל נאכמיטאג אין ישיבה, און אויך זיך געשלעפט פארטאג!**

**רלוי"צ: די אלטע אידן האבן געהאט אין זיך א געוואלדיגע אמונה פשוטה, געוואלדיג! געוואלדיג! אן קיין שום חכמות, מען האט זיך נישט געלאזט פארדרייען, אמונה פשוטה!**

**ר' נחמן: עס איז געווען עפעס אן ענין מען זאל גיין מיט טלית ותפילין אין גאס?.**

**רלוי"צ: דער רבי האט דאך אזוי געזאגט: "איך וואלט געוואלט האבן א זון, [ער זאל נאר גיין מיטן טלית און תפילין אין שול אריין דאווענען - אבי א זון!"][י] - האט ער אנגעכאפט** (דער זאך)**.**

**באמת דארף מען ווען גיין אנגעטוהן** (עם התפילין תיכף) **פון שטוב ארויס**[יא]**,** (אז נישט, זאל מען זיי) **כאטש האלטן אין דער האנט - דאס איז אויך עפעס אן ענין!**

**ר' שמואל: מיין זיידע ר' זאב** (- ר' וועלוול חשין) **טוהט אָן אין שטוב די טלית ותפילין - און גייט אזוי אין שול. ר' נחמן: ביי אים איז צווישן דער שול מיט דער שטוב א שפאן!**

**רלוי"צ: וואו דאוונט ער?. ר' שמואל: אין 'הגר"א שול'** (בשכונת 'שערי חסד' בירושלים) **- ותיקין. ער גייט ארום זאגן שיעורים - נישט אלע טאג, אמאל אין בני ברק, אמאל אין אשדוד, אין טבריה; נעכטן איז ער געווען אין מירון.**

---

[י] שיש"ק (חדש) ח"ג ס"ה.

[יא] עי' בשו"ע או"ח סי' כ"ה, סעי' ב', ובנו"כ שם.

**ר' נחמן:** איך קלער אז דיין יידע מוז זיין א גלגול פון א גרויסן חַכָם עפעס... ער האט זיך פארליבט נאר אין די פרענקן, ער לעבט מיט זיי - אָהַ![יב] איך האב אים געזאגט: גיב אמאל א שיעור דא אויך - מיר זאלן אויך עפעס נהנה זיין...

❖

**ר' נחמן:** ער האט אמאל פארגעלערנט דא א שיעור אין זוהר - איר געדענקט?! איידער עס איז נאך געווארן - איידער ער איז אריין אין די ישיבה אין בני ברק; בשעת ער האט נאך דא געלערנט, פלעגט ער פארלערנען א שיעור אין זוהר. איך געדענק - ר' יחיאל (גרינוואלד) איז געזעצן ביי דעם שיעור, און נאך עפעס עטליכע. בין איך אמאל געזעצן ביי זיין שיעור, עס איז געווען זייער געשמאק, זייער געשמאק האט ער געזאגט.

איך געדענק ווי ער האט יעמאלט ארומגערעדט דעם ענין פון: "ולא יעבור"[יג]. די גמרא[יד] פרעגט: "ואימא שיתסר ושיבסר? - 'ולא יעבור' כתיב". וואס איז דער ענין פון 'ולא יעבור'? - האט ער ארומגערעדט: אז עס קומט צוגיין די 'שלושים יום קודם החג', שיינט שוין דעם אור פון דער חג - אז עס קומט צוגיין 'חמשה עשר בשבט', שיינט שוין דעם אור פון 'פורים'. נאכדעם האבן זיי געזעהן, אז נאך פורים איז ווייטער דא אורות; אז זיי האבן זיך גוט איינגעקוקט, האבן זיי געזעהן אז עס איז שוין דא די אורות פון פסח, עס האט שוין נישט קיין שייכות צו פורים. האבן זיי געזאגט: 'ולא יעבור' – 'די' אורות מיט 'די' אורות טארן נישט אריבערגיין איינע די אנדערע. האט ער עפעס אזוי ארומגערעדט דעם שמועס.

❖ ❖ ❖

---

[יב] יש לציין שהרה"ג והצדיק ר' וועלוול חשין זצ"ל מסר שיעורים הרבה בקרב אחינו בני ישראל מעדת הספרדים. והרבה רחוקים נתקרבו לדרך היהדות ונעשו בעלי תשובה גמורים תודות שיעוריו.

[יג] אסתר ט, כז.

[יד] מגילה ב.

# משיח וועט מגלה זיין א נייעם דרך אין נגינה

(ר' נחמן מזמר ניגון (דקה 16:00) ששמע מר' אברהם יעקב[טו] (גאלדרייך), ואומר:) **ער זאגט אז אין טשעהרין פלעגן עס אונזערע לייט זינגען, איר האט עס אמאל געהערט?.** **רלוי"צ:** דער אנהויב איז מיר באקאנט.

- ער איז געווען א מנגן - רבי נתן (בייטלמאכער)? **ר' נחמן: יא!** ער איז געווען א שיינער מנגן, ער האט געקענט שפילן אויף א פידל, ער פלעגט שפילן אויף א פידל. ר' אברהם יעקב (גאלדרייך) האט מיר דערציילט אז ער (רבי נתן בייטלמאכער) האט געקענט נאָטן, האט אים ר' אברהם יעקב אמאל געבעטן: "רבי נתן, לערנט מיר אויס נאטן". האט ער געזאגט: "מיר האבן בקבלה פון רבי'ן, **אז משיח וועט מגלה זיין א נייעם דרך אין נגינה!**[טז] - דארפסטו זיך נישט לערנען קיין נאָטן". נאכדעם האב איך געזעהן, אז אין מגילת סתרים שטייט טאקע אז משיח וועט מגלה זיין א נייעם דרך אין נגינה!

**רלוי"צ:** ער וועט דאך שפילן א ניגון אויף ע"ב נימין[יז].

❖ ❖ ❖

# ר' אברהם יעקב גאלדרייך ז"ל

**ר' נחמן:** ר' אברהם יעקב האט געקענט א ניגון פון 'קה קלי' פון ר' מאיר לייב בלעכער. פאר ראש השנה האט ער עס געזונגען, אבער עס איז מיר ארויס פון קאפ. איר האט געהערט פון ר' מאיר חזן דעם ניגון וואס איר זינגט אויף 'קה קלי'?.

---

[טו] לציין שר' אברהם יעקב נפטר בשבת שובה דהאי שתא ח' תשרי תשל"ו, במירון, ומשוחחים כמה דברים אודותיו ומה ששמעו ממנו.

[טז] הועתק בשיש"ק (חדש) ח"ג, רנ"ה.

[יז] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

**רלוי"צ:** יא, מען האט עס געזונגען אין אומאן, אוודאי!

**ר' נחמן:** און קיין אנדער ניגון האט איר נישט געהערט?. **רלוי"צ:** ניין.

**ר' נחמן:** אין י"ג מידות פלעגט ער (ר' אברהם יעקב) גיין אלע מאל ביי דעם קבר פון שמאי. - ר' שמואל (שפירא) אויך! עס איז יענער מהלך...

**רלוי"צ:** ווער וועט היינט איבערנעמען דעם צימער זיינעם (- חדרו בגג ציון הרשב"י)? **ר' נחמן:** איך ווייס טאקע נישט וואס דארטן איז!

**אחד הנוכחים:** דער ר' נתן דוד (שפירא, בן החסיד ר' שמואל זצ"ל) – ער האט איבערגענומען דעם צימער.

**רלוי"צ:** ער האט עס געפירט שטרענג - איז טאקע געווען א צימער!. **ר' נחמן:** מען דארף טאקע זעהן עס זאל בלייבן ביי אונזערע לייט!

**ר' נחמן:** א גאנצן טאג האט ער זיך גע'חזר'ט ליקוטי מוהר"ן; ער האט געקענט א וועלט מיט תורות אויף אויסעווייניג – ר' אברהם יעקב. ער איז דאך געווען אכט-ניין מאנאטן אין שֶבי. דער רבי רעדט דאך דארטן אין דער תורה פון "אבא שאול"[יח]: אז "מען קען נישט צוקומען צו זעהן במפלתם של רשעים, נאר דורך ארץ ישראל". האט ער זיך גע'חזר'ט די תורה, און ער האט איר געקענט אויף אויסעווייניג; די גאנצע ניין חדשים האט ער זיך גע'חזר'ט די תורה.

דעם גאנצן סיפורי מעשיות - ווארט ביי ווארט, האט ער געקענט אויף אויסעווייניג, מיט די ליקוטי הלכות (שעליו שנדפסו שם) צום סוף - אפילו מיט דעם בלעטל פון ר' אברהם ר' נחמן'ס וואס איז געדרוקט דארט צום סוף סיפורי מעשיות

[יח] ליקוטי מוהר"ן סי' נ"ה.

- א פירוש פון רמזים אויף סיפורי מעשיות, דאס האט ער אויך געקענט אויף אויסעווייניג.

❖

## אפגע'פטר'ט דעם קאמאנדיר

ר' נחמן: ער (ר' אברהם יעקב) האט דערציילט, אז רבי נפתלי כהן - רבי נפתלי בארדיטשוב'ער[יט], האט אים אמאל דערציילט אין ניסן בק'ס שול (בעיר העתיקה), אז זיין פאטער - ר' יצחק דוד כהן, אלס קינד פון פינעף יאר האט מען אים אוועקגעכאפט ביי די קאנטאניסטן. הכלל, אלע קינדער זענען נעבאך אריינגעפאלן ביי די חברה און פארפאלן געווארן, אבער ער האט זיך נישט געלאזט בשום אופן, ער האט נישט געוואלט עסן קיין טריפות - א קינד פון פינעף יאר! ער איז שוין געווען אביסל אנגעזאפט ביים טאטן, און ער האט זיך נישט געלאזט קיין איין זאך נישט. און אזוי איז ער מגודל געווארן דארטן, ער האט געוואוסט אז ער איז א איד, ער האט געגעסן נאר כשר'ס וואס ער האט נאר געקענט דארט.

אז ער איז שוין געווארן גרעסער דארטן, האט ער געהאט א קאמאנדיר, א מפקד זיינער, אן עלטערער, וואס האט אים אלעמאל אנגעטוהן צרות, ער פלעגט אים שטעלן אלעמאל אויפן פראנט אויף די ערגסטע פלעצער - אלס א איד האט ער אים געוואלט שטעלן אויפן ערגסטן ארט.

דער ר' יצחק דוד האט געהאט א בייז הארץ אויף אים, אבער וואס קען ער אים טוהן?! א גוי!

---

[יט] חותנו של רבי אברהם ב"ר נחמן בזוו"ש. רבי אברהם היה משבחו בזה שעסק בעבודתו רק בימות הקיץ וחסך ממון שיספיק לו לימי החורף ויהיה ביכלתו לעבוד את ה' בתורה ותפילה ללא שום דאגת פרנסה. עלה לא"י בערך שנת תרס"ג והתיישב בעיר העתיקה ולא יצא מתוכה אפילו לשמחה. נלב"ע ג' אייר תש"ב כבן תשעים. (גידולי הנחל)

פאר שמחת תורה פלעגט מען אוועקלאזן די אידן צו גיין אין די שולן. איז ער אריין אין א שול דארטן ערגעץ. דער מפקד זיינער האט געוואלט זעהן וואס טוהט זיך דארטן ביי די אידן שמחת תורה, איז ער אויך געקומען דארטן אהין. זעהט ער דארטן דעם ר' יצחק דוד ראכמאן. רבי נפתלי'ס פאמיליע נאמען איז געווען ראכמאן.

הכלל, ער איז געווען דארטן אין שול, און ער זעהט ווי דער מפקד קומט אָן. האט ער זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון אים. אז מען זעהט א מפקד דארף מען דאך אים עפעס אפגעבן דעם כבוד זיינעם, אבער ער האט זיך נישט געמאכט וויסנדיג.

- זאגט אים דער מפקד: "ראכמאן, דו זעהסט מיך נישט?". גיט ער אים א קוק אָן - און לאזט אים אראפ צוויי פרעסק - אהער און אהין. דער ראכמאן האט אראפגעלאזט פאר דעם מפקד - דעם גוי - און ער איז געבליבן באלד טויט אויפן פלאץ. אז מען האט אים גענומען איז ער שוין געווען דערנאך...

איז ער דאך אויסגעשטאנען א משפט אויף אזא מעשה. ווען מען האט אים געפרעגט דארטן, האט ער געזאגט אז ער איז געווען אנגעטרונקען און ער האט נישט געוואוסט וואס ער האט געטוהן. איז מען געגאנגען פרעגן דעם רב צו עס איז ריכטיג אז שמחת תורה טרינקט מען. זאגט ער: יא, מען טרינקט א קאפיטשקע, מען טרינקט יא עפעס.

הכלל, האט מען געזאגט אזוי: 'לפָּטרו בלא כלום אי אפשר'. האט מען אים ארויסגעגעבן אזא עונש: אז צוויי שורות מיליטער זאלן שטיין - איינע פון דער זייט, און איינע פון דער זייט - און ער זאל דורכגיין אינמיטן כאפן שמיץ.

דארטן די קאנטשיקעס זענען געווען מיט דראָטן. זאגט ער, מען האט אים געגעבן אזעלכע קלעפ אז ער האט געמיינט אז ער (האלט עס נישט אויס), אבער אז ער האט זיך דערמאנט אז ער האט גע'פטר'ט דעם עמלקי – דעם חברה-מאן, האט ער גארנישט געשפירט די קלעפ וואס זיי האבן אים געגעבן...

דער עיקר, עס איז אריבער א שטיקל צייט, און מען האט אים משחרר געווען פון מיליטער. איז ער געקומען צו רבי יצחק'ל נעשכיזער - רבי מרדכי'לע נעשכיזער'ס א זון. אז ער איז געקומען צו גיין דארטן, זאגט ער פאר דעם גבאי'ן: "זאג דעם רבי'ן אז עס איז געקומען איינער וואס וויל זיך זעהן מיט אים". (זאגט דער גבאי:) "מען קען נישט ארייננקומען". זאגט ער: "זאג אים אז איינער פון די קאנטאניסטן איז געקומען". אז ר' יצחק'ל האט דאס געהערט, זאגט ער: "ער דארף קומען צו מיר? איך דארף **ארויסלויפן צו אים! אז ער איז געווען דארטן ביי די חברה - און ער איז נאך געבליבן א איד, שטייט ער העכער פון אלעמען!".** איז ער ארויסגעגאנגען און ער האט אים מכבד געווען – אזוי האט אים ר' נפתלי דערציילט פון דעם טאטן זיינער. איך האב עס געהערט פון ר' אברהם יעקב'ן.

❖ ❖ ❖

## אוועקגעלייגט דאס 'שערן אייזן'

רלוי"צ: עס איז מיר שווער צו רעדן...

ר' נחמן: איר האט אוועקגעלייגט דאס "שערן אייזן!"[כ]... פארוואס האט ער אנגעכאפט טאקע דאס "שערן אייזן"?

רלוי"צ: דאס איז געווען אמאל די שווערסטע ארבעט. 'שערן אייזן' - הייסט, שניידן אייזן. (רביז"ל אמר:) **"אז מען איז געזונט - דארף מען טוהן און טוהן און טוהן; אז נישט - אוועקגעלייגט דאס שערן אייזן!"**

ר' נחמן: דער ווארט איז פון רבי'ן אליין?. רלוי"צ: יא!

❖ ❖ ❖

[כ] עי' שיש"ק ח"ג קפ"א.

# א טענצל פארן הסתלקות...

ר' נחמן: ער האט מיר אמאל דערציילט - דער אלטער רבי נתן שטערנהארץ, אז עס איז געווען עפעס איינער – ער האט מיר געזאגט אפילו א נאמען פון אים - פון אונזערע לייט, אן אלטער איד געווען, א קראנקער. איז ער געלעגן אין בעט און ער האט זיך נישט געקענט אפילו רירן, ער האט געהאט צוטוהן מיט א פיס - איך געדענק נישט דעם נאמען. זענען אריינגעקומען אונזערע לייט צו אים. האט ער זיך אנגערופן אזוי: 'איך וואלט געדארפט צו שרייען "אוי!" - מיט א מין קרעכטץ, איך וועל אבער ענדערש שרייען: "אוי אוי אוי" - מיט א ניגון!' - און ער איז אראפגעגאנגען פון בעט און געמאכט א ריקוד מיט אונזערע לייט...

רלוי"צ: יא, איך האב עס געהערט[כא].

ר' נחמן: ביי וועמען איז עס געווען - געדענקט איר נישט?. רלוי"צ: איך געדענק דעם דיבור - יא יא! דער רבי'נס זאך איז געווען שמחה; שמחה איז א רפואה![כב]

ר' נחמן: אויף וועמען פון אונזערע לייט דערציילט מען אז ער האט געמאכט עפעס ריקוד פאר דער הסתלקות - איר האט געהערט עפעס אזא זאך? דאס איז אן אינטערעסאנטע זאך: אראפגיין פון בעט אין מאכן א ריקוד! - ביי וועמען איז דאס געווען?

רלוי"צ: דאכט זיך מיר - ר' מאיר לייב בלעכער, אזוי דאכט זיך. ער איז געווען א געוואלדיגער פרייליכער. ער איז געווען א געוואלדיגער עובד - און ער איז געווען א געוואלדיגער פרייליכער איד! - און א למדן א גרויסער געווען. ער האט זיך מפרנס

---

[כא] מובא בכתבי ר' שמואל, עיי"ש.

[כב] עי' ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

געווען 'ממעשי ידיו' - א בלעכער, און ער איז געווען א געוואלדיגער פריילּיכער מענטש. ער פלעגט דאך מאכן פאר רבי נתן'ען ניגונים.

ר' נחמן: איז ביי אים איז געווען די מעשה?. רלוי"צ: אזוי האב איך געהערט - אז פאר דער פטירה האט ער זיך געגייט און אראפגעגאנגען - און זיך געגעבן א דריי; ער האט זיך געגעבן א דריי (ברקידה!) אז ער זאל נסתלק ווערן מתוך שמחה...

ר' נחמן: ער האט נישט געזונגען דעמאלט דעם ניגון פון "עוז והדר"?. רלוי"צ: ניין, דאס איז געווען אן אנדער מאל, נישט דעמאלט.

ר' נחמן: אבער דאס איז זיין ניגון - דער "עוז והדר"?. רלוי"צ: יא; עס איז דא אסאך תנועות זיינע.

ר' נחמן: עס איז נישט געווען עפעס א סיבה פארוואס ער האט געזונגען דעם 'עוז והדר'?

רלוי"צ: יא: ער האט געדארפט חתונה מאכן א קינד, און ער האט נישט געהאט קיין מלבוש צו מאכן פאר דער כלה, האט ער דעמאלט געזונגען דעם ניגון "עוז והדר" פאר דער חתונה - עפעס אזוי האב איך געהערט.

ר' נחמן: "עוז והדר לבושה" - א לבוש! ער האט דאך נישט געהאט קיין לבוש...

❖ ❖ ❖

## דאס טענצל נאכן ברית

ר' שמואל: אין אומאן איז געווען א גר פון פינעף-און-זעכציג יאר. ווען מען האט אים גע'מל'עט האט מען אים געזאגט, אז מען וויל אים בינדן. האט ער געזאגט, אז ער האט זיך שוין געבונדן אליין. נאך די מילה - ער האט דאך נישט געטארט

אראפגיין, אבער ער איז אראפ טאנצן מיטן עולם מיט אזא שמחה אויף וואס ער איז געווארן א איד!

**ר' נחמן:** איר האט געקענט דעם גר?. **רלוי"צ:** יא - אוודאי, איך בין געווען אויפן ברית; ער איז געווען אונזערער (- מאנ"ש).

**אחד הנוכחים:** דאס איז דאך ממש ווי א ניתוח! (- אפאראציע). **רלוי"צ:** מען האט דאס געמאכט אין א שטוב - איינער א מוהל. דניאל האט ער געהייסן.

**ר' נחמן:** ווי אזוי איז ער מקורב געווארן?. **רלוי"צ:** זיי (הגרים מאומן) האבן נישט געהאט קיין אנדערן פלאץ. זיי (שאר הקהילות) האבן מורא געהאט (לגיירם, מאימת שלטון הקאמוניסטן). ברסלב איז געווען דער פלאץ... זיי זענען געקומען צו אונז אין שול אריין - אין אומאן, און דארט האט מען שוין אלץ געטוהן וואס מען דארף...

**ר' נחמן:** איין גר איז געווען?. **רלוי"צ:** אסאך, אסאך! ער איז געווען דער עלטערער, ער איז אלט געווען עטליכע און זעכציג יאר.

**ר' נחמן:** [ראש השנה] איז געווען א גאנצער טיש מיט גרים?. **רלוי"צ:** יא יא - גרים.

א גאנצער ראש השנה האבן זיי געהאלטן אין איין וויינען - זיי האבן נישט געקענט דאווענען, האבן זיי געהאלטן אין איין וויינען, וויינען! זיי האבן געוואוסט אז ראש השנה דארף מען וויינען...[כג]

**השואל:** עס איז געווען עפעס עובדים פון זיי אויך?. **רלוי"צ:** גרויסע ערליכע אידן, גרויסע ערליכע אידן. מען האט זיי נעבעך פארשיקט – די רוסן!

---

[כג] עי' שיחות הר"ן פ"ז.

**ר' נחמן:** בשעת ווען מען האט פארשיקט אונזערע לייט? **רלוי"צ:** נישט אין דער זעלבער צייט; מען האט זיי פארשיקט, און זיי זענען דארט געשטארבן.

**ר' נחמן:** און דעמאלט האט מען פארשיקט אויך דעם גר? **רלוי"צ:** יא, מען האט אים אויך פארשיקט

**ר' נחמן:** מיט די משפחות, מיט אלעמען?. **רלוי"צ:** ניין, אים אליין.

**ר' שמואל:** איר האט געזאגט אז עס איז געווען אן עקסטערער טיש פון ליטוואקעס, ראש השנה![כד] **ר' נחמן:** איר האט נאך פארכאפט דעם טיש?. **רלוי"צ:** עפעס, צוויי פון די ליטוואקעס.

**ר' נחמן:** איינעם - ר' שמעון. **רלוי"צ:** יא - ר' שמעון.

**ר' נחמן:** און ווער איז געווען דער ר' אברהם ליטוואק - עפעס א תלמיד פון ר' נחמן טולטשינער, וואס ער האט פארשריבן אסאך זאכן וואס ער האט געהערט פון ר' נחמן טולטשינער[כה]?

[**ר' נחמן:** עס איז אייך שווער אזוי? מיר שטערן?. **רלוי"צ:** ניין, פארקערט].

❖ ❖ ❖

---

[כד] עי' בטעם זקנים קונטרס ק"א, מסופר שם שהיה כמה מקורבים ממדינת ליטא שהיו מקודם חסידי הרה"ק בעל הצמח צדיק ונתקרבו לדרך רבינו, וביניהם החסיד ר' מענדעלע ליטוואק, ר' ברוך אפרים - בעמ"ס "באבי הנחל" פי' על ספה"ק ליקוטי מוהר"ן, ועוד.

[כה] עי' ספר נחלי אמונה מרבי נתן צבי קעניג, סדר היום של ר' נחמן טולטשינער שנכתב ע"י ר' אברהם ליטוואק.

# השבת בטשעהרין

**ר' נחמן:** מיר האבן דאס יאר, צוויי שבת חנוכה'ס. ביים רבי'ן איז מען געקומען דעם צווייטן שבת, מן הסתם?. **רלוי"צ:** יא יא - זאת חנוכה.

**ר' שמואל:** זעקס מאל א יאר פלעגט דער רבי זאגן תורה[כו]: שבת חנוכה, און ראש השנה, שבת נחמו, שבת שירה, שבועות - און ווען נאך? איינמאל איז געווען סתם א שבת?. **רלוי"צ:** פרשת שקלים אויך.

**ר' נחמן:** אבער דעם שבת שטייט נישט אין 'חיי מוהר"ן' - נאר שבת שירה און שבת נחמו שטייט. איר האט געהערט 'שבת שקלים'?

**רלוי"צ:** מען זאגט אזוי; ביי רבי נתן'ען פלעגט תמיד אויסקומען, אז פאר פורים צייט איז ער געווען אין טשעהרין. און פורים האט ער שוין געהאלטן אין ברסלב (בביתו). נאר איינמאל איז געווען וואס ער האט געהאלטן פורים אין טשעהרין[כז]. רבי נתן האט דאך געדארפט נאכטוהן דעם רבי'ן (בנסיעות[כח]). איז פון דעם לערנט מען ארויס, אז פרשת שקלים איז געווען נאך א שבת (וואס דער רבי איז געפארן צו די תלמידים).

❖ ❖ ❖

**ר' נחמן:** ר' אפרימ'ל ע"ה (קראקאווסקי-מפשעדבארז, בעל "עונג שבת"), ווען ער פלעגט אריינקומען מבקר זיין א חולה, פלעגט ער ארויסנעמען די ציצית - אז דער חולה זאל קוקן אויף די ציצית. דער רבי רעדט דאך: "סגולה לחולה [להסתכל על

---

[כו] חיי מוהר"ן קכ"ו.

[כז] עי' עלים לתרופה במכתב: יום ג' תזריע - אומאן ת"ר.

[כח] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב שט"ז.

הציצית"[כט]. ר' דוד שעכטער דערציילט - אז ר' אפרים'ל פלעגט אריינגיין צו רבי שלמה'קע'ן זוועהילער - פלעגט זיך ר' שלמה'קע שטענדיג אויפהויבן פאר ר' אפרים'לען - זיי האבן דאך געוואוינט נישט ווייט איינער פון דעם אנדערן. און אז עס איז עפעס אויסגעקומען אז רבי שלמה'קע זאל זיין דער חולה, פלעגט ר' אפרים'ל ארויסנעמען אלעמאל די ציצית.

❖ ❖ ❖

## הנה באתי במגל"ת ספר

**ר' נחמן:** רבי דוד - דער רב פון לאדיזין, ער האט געהייסן רבי דוד מלכה'ס?. **רלוי"צ:** ר' דוד מלכה'ס.

**ר' נחמן:** און ווער איז געווען ר' דוב חיה'לע'ס?. **רלוי"צ:** אן אנדערער.

**ר' נחמן:** ווייל אין דער הקדמה צום ספר המידות שרייבט ער דארט, אז ר' דוב חיה'לעס איז געווען א רב אין לאדיזין - און ער האט אויסגערופן אז ער ווערט אויס רב!. **רלוי"צ:** אפשר איז ער געווען פריער דער רב?!

**ר' נחמן:** ווייל ווערליג רבי אברהם ר' נחמן'ס ברענגט אראפ (בכוכבי אור) אין 'אנשי מוהר"ן': ר' דוב חיה'לעס רעכנט ער אויס ביי די 'אנשי משא-ומתן' - און ר' דוד מלאדיזין רעכנט ער אויס פון די 'אנשי עבודה'!?

**רלוי"צ:** ר' דוב חיה'לעס איז געווען א מלמד אין ברסלב, ער האט געלערנט מיט עטליכע קינדער און זיך מפרנס געווען.

---

[כט] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ז'.

**ר' נחמן:** אבער ר' דוב חיה'לעס האט געוואוינט אין לאדיזין קודם?. **רלוי"צ:** יא יא.

**ר' נחמן:** און פארוואס האט ער אפגעלאזן דארטן?. **רלוי"צ:** ווייל ער האט געוואלט זיין ביים רבי'ן אלע טאג.

**ר' נחמן:** רבי יודל איז דאך אויך ארויסגעגאנגען פון דאשיב קיין מעדוועדיווקע. **רלוי"צ:** יא[ל].

**ר' נחמן:** דאכט זיך מיר אז דאשיב איז נענטער צו ברסלב ווי מעדוועדיווקע, ניין?. **רלוי"צ:** אוודאי.

**ר' נחמן:** אז רבי יודל איז געקומען קיין מעדוועדיווקע איז ער געווען אינגאנצן אפאר יאר ביים רבי'ן אין מעדוועדיווקע (- דער רבי איז דאך ארויס שפעטער קיין ברסלב). **רלוי"צ:** ער איז שוין געבליבן אין מעדוועדיווקע, און ער איז טאקע נפטר געווארן אין מעדוועדיווקע.

**ר' נחמן:** און פארוואס האט ער זיך נישט אריינגעצויגן קיין ברסלב ווען דער רבי איז אריבער קיין ברסלב? **"אֵין תוקף כתחילת החסידות"**[לא] - עס האט געברענט!

רבי זלמן דער רב - דער מעדוועדיווקער רב - אין רבי נתן'ס צייטן איז ער שוין געווען רב?. **רלוי"צ:** נאכן זון - נאך רבי ישעי' שלום[לב].

---

[ל] עי' חיי מוהר"ן רצ"א: "אמר לרבי יודל ורבי שמואל אייזיק זכרונו לברכה כשהיו נוסעים אליו מדאשוב למעדוועדיווקע ופעם אחת היו רוצים לצאת לסביבות מעדוועדיווקע כדי להיות סמוכים אליו תמיד **וכן עשו**" וכו' עיי"ש.

[לא] ספר הרוקח.

[לב] רבי ישעי' שלום היה בנו וממלא מקום אביו רבי יודל ממעדוועדיווקע.

**ר' נחמן:** רבי ישעי' שלום איז געווען דער מעדוועדיווקער רב אין די צייטן פון רבי'ן?. **רלוי"צ:** ניין - רבי יודל איז געווען.

**ר' נחמן:** רבי יודל איז געווען דער רב?. **רלוי"צ:** ער האט געהייסן דער רב.

**ר' נחמן:** אין רבי'נס צייט?. **רלוי"צ:** ווען דער רבי איז געווען (אין מעדוועדיווקע) איז דער רבי געווען!

**ר' נחמן:** דער רבי איז דאך געווען א רבי נישט א רב?. **רלוי"צ:** דאס הייסט דער רב, אזוי ווי "דער בארדיטשובער רב".

**ר' נחמן:** איז געווען רבי ישעי' שלום, און נאכדעם איז געווארן רבי זלמן! **רלוי"צ:** יא.

**ר' נחמן:** אין אייער צייט ווער איז געווען רב אין מעדוועדיווקע?. **רלוי"צ:** געענדיגט! רבי זלמן האט נישט געהאט קיין קינדער.

*

- - **ר' נחמן:** ר' אלחנן ספעקטור איז געווען בשעת מעשה ווען ר' יצחק [אטוואצקער] האט געלערנט דער תורה קכ"א[לג], האט זיך איינער אנגערופן: און אז דער רבי זאגט "מצוה גדולה להיות בשמחה תמיד"[לד] – דארף מען אויך לערנען אויף

---

[לג] בליקוטי מוהר"ן וזל"ש: "**כשאדם רואה ולומד בספר, ובכל מקום שהוא רואה ולומד, מוצא את עצמו, היינו שלוקח לעצמו מוסר, ורואה פחיתותו ושפלותו, בכל מקום באיזה ספר שהוא בא ומעיין שם, זה סימן שחפץ לעשות רצונו יתברך**. וזה (תהלים מ): 'אז אמרתי הנה באתי במגִלת ספר כתוב עלי'. זה סימן לעשות רצונך אלקי חפצתי כנ"ל".

[לד] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ד.

זיך? האט ער אים באלד געזאגט: אוודאי, "במגִלת" מאכט דאך אזוי; במגל"ת מאכט: מ'צוה ג'דולה ל'היות ב'שמחה ת'מיד... ער איז ארוים פון התפעלות![לה]

ר' שמואל: בשמח"ה איז ר"ת: מ'חוק ב'רחמיך ה'רבים ש'טרי ח'ובותינו...

❖ ❖ ❖

## מה לילוד אשה 'בינינו'

ר' נחמן: פאר אפאר וואכן צוריק האב איך געהערט פון אייך א חידוש ביים לערנען (ליקוטי מוהר"ן סי' א' תניינא) איר האט איינגעטייטשט: "בשעה שעלה משה למרום, אמרו מלאכי השרת" - . רלוי"צ: ["מה לילוד אשה] בינינו"[לו].

ר' נחמן: פון וועמען האט איר געהערט דעם ווארט? רלוי"צ: מען האט אין אומאן אזוי געלערנט.

---

[לה] עי' אוצר נחמני אות קצ"ט.

[לו] טייפ מס' 114, פר' ויצא, ושם: "**וזה בחי' מה שאמרו רבותינו ז"ל: 'בשעה שעלה משה למרום, אמרו מלאכי השרת: מה לילוד אשה בינינו'**". פלעגן אונזערע לייט דא מדייק זיין: זיי (- המלאכים) האבן דאך גערעדט צום אויבערשטן: 'אז משה שטייט אינדערמיט איז דאך משה נענטער צום אויבערשטן פון אונז; אז משה זאל שטיין אונטער אונז, זענען מיר נענטער צום אויבערשטן - אבער אז משה איז דאך אינדערמיט, איז דאך משה נענטער צום אויבערשטן - פארוואס איז ער 'בינינו'? זאל ער קודם זיין אונטער אונז, פארוואס איז ער 'בינינו'? אז ער איז 'בינינו', איז ער דאך נענטער צום אויבערשטן פון אונז'. האט דער אויבערשטער געזאגט: ער איז געקומען נעמען די תורה, דערפאר איז ער נענטער פון אייך. - האבן זיי (- המלאכים) געזאגט: גיב אונז די תורה. אמר הקב"ה למשה: החזר להם תשובה. דער אויבערשטער האט 'שוין' געוויזן אז משה איז גערעכט; זיי פרעגן א קשיא: גיב אונז די תורה. (ואמר הקב"ה למשה:) משה, ענטפער זיי פארוואס איך גיב זיי נישט די תורה; 'זיי' ווייסן נישט וואס צו ענטפערן פארוואס איך גיב זיי נישט די תורה - און משה קען יא ענטפערן פארוואס איך גיב זיי נישט די תורה - איז דאך 'שוין' משה גרעסער פון זיי. האט ער געזאגט: איך האב מורא 'שלא ישרפוני בהבל פיהם' - אז זיי זעהען אז איך בין גרעסער פון זיי, וועלן זיי דאך מקנא זיין אין מיר - איך האב מורא פאר זיי. האט דער אויבערשטער געזאגט: האלט דיך אן בכסא כבודי (וכו' עיי"ש).

**ר' נחמן:** עס טייטש זיך אזוי שיין אריין אין דעם פשט - א פלא'דיגע זאך: "מה לילוד אשה בינינו". "בינינו", הייסט, צווישן די מלאכים און צווישן הקדוש ברוך הוא. איז ער (משה) דאך העכער ווי זיי און נעמטער ווי זיי, ער האט די ממשלה אויף די מלאכים. איך האב עס געזאגט פאר ר' חיים מנחם קרעמער[לז] - ער האט דאך ליב חידושים. זאגט ער, אז דעם חידוש האט ער געהערט פאר דרייצן יאר צוריק פון ר' משה יעקב אייזנמעסער[לח] – דער וואס איז געשטארבן, און ער האט דאס געהערט פון אייך. אן אינטרעסאנטע זאך!

**השואל:** ווער האט געזאגט דעם ווארט 'בינינו'? **רלוי"צ:** אונזערע לייט פלעגן אזוי לערנען. אזוי פלעגט מען לערנען - אזוי האב איך געהערט, אזוי גיב איך איבער; איך האב געהערט אין אומאן אסאך מאל לערנען דער תורה – אזוי האט מען געלערנט.

**ר' שמואל:** איך האב געהערט: "החזר להם 'תשובה'" - פשוט, ענטפער זיי: 'תשובה!' - אז א מענטש קען דורכפאלן, זינדיגן און תשובה טוהן - א מענטש האט בחירה, אבער די מלאכים קענען דאך נישט זינדיגן! **ר' נחמן:** דאכט זיך, רבי נתן טייטשט עס[לט].

❖ ❖ ❖

---

[לז] בעל מחבר ספר ליקוטי מוהר"ן עם פירוש "נעימות נצח" - ועוד, וראש מכון "נחלת צבי" ע"ש חותנו החסיד ר' צבי ארי' ראזענפעלד ז"ל.

[לח] **ר' משה יעקב** ב"ר חיים עקיבא הכהן **אייזנמעסער**. נולד בארה"ב. בצעירותו התקרב לחסידות ברסלב ע"י הרב צבי אריה ראזענפעלד ז"ל. אח"כ עלה לא"י ועסק בעבודת ה' יחד עם ריעו וידידו הטוב ר' יעקב גדליה תפילינסקי ע"ה. אח"כ חזר לארה"ב ונשא אשה ובגמר שבעת ימי המשתה חלה במחלה קשה וסבל יסורים נוראים ואחר זמן קצר השיב נשמתו לבוראו (ספר שארית יעקב בסוף) נלב"ע ה' אייר תשכ"א (גידולי הנחל).

[לט] עי' הל' תענית ה"ד, אות י"ד. ועי' בספה"ק ישמח ישראל פר' במדבר מש"ש: "ועפ"י דרכנו היא שהקב"ה אמר למשה "החזר להם תשובה", היינו שאמת שהמלאכים גבוהים, אבל עדת קודש זוכים לתשובה, וגדולה תשובה שמגעת עד כסא הכבוד (יומא פ"ו.), **וז"ש "החזר להם תשובה" – תשובתך יהי' על מעלתם הרמה שמועיל אצלם חזרה ותשובה"**.

## זיך גרייטן פון פריער

ר' נחמן: מען האט דערציילט פאר דעם רבי'ן, אז איינער פון די צדיקים האט געצונדן דאס חנוכה ליכטל, און עס האט זיך אויסגעגאסן. האט דער רבי געזאגט - איר האט דאס אמאל געזאגט דאכט זיך מיר: "אז מיר גרייטן זיך שוין..."

רלוי"צ: יא יא: "אז מיר גרייטן זיך פון פריער, קומט נישט אן אזוי [האסטיג די זאך!"]

❖ ❖ ❖

ר' נחמן: דאכט זיך, פרשת זכור פלעגט ר' אברהם שטערנהארץ לערנען דער תורה פון יראה "כד ישראל אשתלימו בעובדייהו" (ליקוטי מוהר"ן קפ"ה) - מיט דער הלכה דערויף (בכור בהמה טהורה ה"ד).

רלוי"צ: יא יא - פאר פורים; מיר לערנען אויך אין שול דער תורה, און מען לערנט טאקע דער הלכה.

ר' נחמן: דעם שבת, ויצא, האב איך געלערנט דער הלכה פון ויצא. רלוי"צ: הלכות מתנה! גאנץ שבת האט דאס געדויערט.

ר' נחמן: הלכות מתנה הלכה ד' – אַה, א געוואלדיגע הלכה! דא זעהט מען ווי אזוי רבי נתן טייטש אוים א סדרה! ער האט אפגעלערנט א פרשה... א גאנצן טאג האט עס רבי נתן געזאגט די הלכה.

אין "אבניה ברזל" (אות נ"ב) שרייבט ער, אז מען האט זיך געוואשן שבת אינדערפרי צום עסן, געמאכט המוציא, און רבי נתן האט אנגעהויבן צו זאגן די הלכה, און ער געענדיגט ביז קוים קוים מען האט נאך געקענט דאווענען מנחה!

## צולייגן קאפ צו יעדעס ווארט

**ר' נחמן:** ווער איז דער צדיק "רבי מרדכי" וואס רבי נתן ברענגט אראפ אין ליקוטי הלכות[מ]? דער וואס בשעת מעשה ווען דער רבי זיינער האט אים געזאגט האט ער נישט פארשטאנען און נאר נאך דער הסתלקות פונעם רבי'ן זיינעם האט ער געזעהן למפרע - אז 'דאס' האט מיר דער רבי מרמז געווען, אז 'דאס' האט ער מיר מרמז געווען?. **רלוי"צ:** ר' מרדכי'לע נעשכיזער! עס שטייט דאך אזוי[מא].

**ר' נחמן:** דאס איז איינער פון די דריי מעשיות וואס דער רבי האט דערציילט רבי נתן'ען אנפאנג התקרבות? **רלוי"צ:** יא יא, אוודאי, עס שטייט דאך אין כוכבי אור - ר' מרדכי'לע נעשכיזער.

**ר' נחמן:** אבער אין אבניה ברז"ל (אות ו') שטייט אין דער מעשה, אז ער איז אפגעזעצן א דרייצן יאר ביי אים?. **רלוי"צ:** יא יא[מב].

---

[מ] חזקת מטלטלין ה' אות ט"ו: ..."וכל זה על ידי אמונת חכמים הנ"ל שיודע ומאמין שכל דבריו ותנועותיו הם מלאים רזין שעל ידי זה בכל מה שמתנהג עמו מוצא בו דברי רבו ורמזיו כמו שכתוב בסימן (קפ"ו ליקוטי א') על ענין החסידים הכשרים שבמדינות קיר"ה, עיין שם. וכמו שכתוב מזה בספר חיי מוהר"ן בהמעשה של הצדיק **רבי מרדכי זצ"ל**".

[מא] עיין כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות ג': "ומיד בכניסתם לאדמו"ר ז"ל דיבר עמהם הרבה, ובתוך שיחתו הקדושה סיפר להם שלשה מעשיות: מעשה ראשון **מהרב מנאסכיז** ז"ל שבזה רמז להם שיתנו מאד את לבבם לכל דיבור ודיבור שיוצא מפיו הקדוש אפילו בעסקי העולם, ולבל ידמו בנפשם שעל־פי פשוט הוא מדבר את דבריו חלילה".

[מב] וזה תוכן הסיפור המובא שם: ואז סיפר רבינו זצוק"ל שלשה מעשיות. מעשה ראשון **מהרב מורינו הרב מרדכי מנעסכיז**, שפעם אחת בא אליו אחד מאנשיו והתנצל לפניו בענין פרנסה ומעות דירה וכו', ואמר לו הרב הנ"ל אני רוצה שכל הבית שאתה דר בה יהא שלך. והאיש הנ"ל היה בדירה גדולה שדרו עמו שכנים הרבה וגם אכסניא היה שם, וכשנכנס האיש לביתו ואחר־כך מת הבעל הבית ונפל בירושה להיורשים ונפל הבית מהצלחתו כי (עס האהט זיך ארייין געחאפט די ניט גיטס) היה שם רוחות וכו' ומתו בה כמה אנשים שקנו הבית הנ"ל, ונעשה מזה שם רע על הדירה, ועל־כן פסקו ממנה העוברי דרכים לאכסניא. וגם השכנים יצאו ועשו הכרזה למכרה, ולא היה עליה שום קונה מחמת השם רע, ועל־כן בכל פעם פחתו

**ר' נחמן:** נו, ער איז דאך באלד נסתלק געווארן?. **רלוי"צ:** יא יא.

**ר' נחמן:** וואס האט ער פארשטאנען - אז 'דאס' האט ער מיר געזאגט?. **רלוי"צ:** אז ער זאל נישט פארן אהיים! האט ער געלעבט נאך דרייצן יאר.

**ר' נחמן:** אין חיי מוהר"ן שטייט אויך די מעשה[מג], אבער עס שטייט דאך דארט, אז ער איז געווארן אַן אדם חשוב בעירו - ער איז געווארן א מפורסם?

**רלוי"צ:** ברענג דעם כוכבי אור, עס ליגט דאך דא אויפן טיש. **ר' נחמן:** די דריי מעשיות שטייען אין אבניה ברז"ל - אין כוכבי אור שטייט נישט; אין כוכבי אור

---

ממחירה עד שעלה מחירה מעט מעות. ואז נכנס בלב האיש הנ"ל דברי רבו מנעסכיז ז"ל הנ"ל והלך וקנה אותה, ומאז התחיל לחזור ההצלחה של כל הבית והתחילו לעבור בה עוברי דרכים הרבה ונעשה עשיר. ואחר־כך נסע לרבו הנ"ל, כשרצה שוב לנסוע לביתו נכנס ליטול רשות מרבו ליסע לביתו. והבין מתנועותיו שאינו נותן לו רשות בלב שלם כמו שהיה רגיל תמיד. ויירא ליסע וכן היה כמה פעמים שבכל פעם שנכנס ליטול רשות וכו' כנ"ל ועל־כן נתמהמה שם שלש עשרה שנים. **ואמר רבינו ז"ל שכשהיה שם בעת שחזר מארץ ישראל עוד מצא שם האיש הנ"ל** (והפחד היה שלא ימות כמו שמתו הבעלי בית הקודמים, ואחר החמשה ימים שהיה שם רבינו ז"ל ונפטר הרב הנ"ל ונסע לביתו ונפטר תיכף) **ובזה המעשה רמז להם רבינו ז"ל** שיתנו מאד את לבבם לכל דיבור ודיבור שיוצא מפיו הקדוש אפילו במילי דעלמא (ואפילו על תנועותיו) ולבל ידמו בנפשם שעל־פי פשוט הוא מדבר את דבריו חלילה.

[מג] אות תקמד, וזל"ש: "אמר, מי שמקורב לצדיק אמיתי ימים ושנים הרבה ועומד ומשמש לפניו ושומע דבריו, אף על פי ששומע ממנו כמה דיבורים ושיחות וסיפורים שאינו מבין בהם שום תועלת ועצות לנפשו, אף על פי כן אם יזכה יוכל אחר כך ברבות הימים להבין למפרע ללמוד ולהוציא מכל הסיפורים ששמע כבר עצות גדולות לעבודת השם יתברך. וכל דיבור ודיבור ששמע מקודם לפני כמה שנים יהיה לו אחר כך תועלת גדול, ויחיה עצמו אחר כך בכל דיבור ודיבור. כי אחר כך יזכה להבין ויאמר: זה רמז לי מורי אז באותו הזמן. וכן בכל פעם ופעם יצמחו לו בדעתו רמזים נפלאים ועצות גדולות מכל מה ששמע כבר, אם יזכה לשים לבו היטב לכל מה ששמע כבר. **וסיפר מעשה מענין זה שכך אירע אצל צדיק אחד מפורסם** שהיה בביתו איש אחד פשוט לגמרי שקורין פראסטיק. והיה עומד ומשמש תמיד את הצדיק הנ"ל והיה שומע דיבורים הרבה ממנו, ולא הבין מהם שום ענין ותועלת כלל רק שהיתה לו אמונה גדולה בהצדיק ובדבריו הקדושים, אף על פי שלא היה מבינם לאשורם. והיה עומד ומשמש תמיד את הצדיק באמת. אחר כך אחר שנים הרבה נסתלק הצדיק לעולמו, ואז התחיל זה האיש לזכור, בכל פעם כשבא לאיזה דבר, נזכר בדברי הצדיק ואמר בנפשו זה שכוון הצדיק, ורמז לי בדבריו אז באותו זמן פלוני. וכן בכל פעם ופעם הבין אחר כך למפרע כוונת הצדיק ורמזים שרמז לו בדבריו לפני כמה שנים, והבין הדבר. ואחר כך נעשה זה האיש איש כשר וירא ה', והיה חשוב מאד בעירו **ונעשה ראש ומנהיג לכל הכשרים והחפצים ליראה את השם יתברך אשר היו בעיר הצדיק הנ"ל, וכולם נכנעו תחתיו**".

שטייט סתם, אז דער רבי האט דערציילט דריי מעשיות, אבער וואס איז געווען די מעשה - שטייט נישט. עס איז ריכטיג די מעשה וואס שטייט דא?. **רלוי"צ: יא יא.**

**ר' נחמן:** אבער נאך דעם שטייט, אז בשעת דער רבי איז געווען ביי אים האט ער נאך געטראפן דעם מענטשן דארט!?. **רלוי"צ: יא יא.**

**ר' נחמן:** אז ר' מרדכי'לע נעשכיזער איז נסתלק געווארן, איז ער (התלמיד) אויך נסתלק געווארן. **רלוי"צ:** ווען ער איז געקומען אהיים.

**ר' נחמן:** אבער אין חיי מוהר"ן ברענגט ער דארטן אז ער (התלמיד) איז דערנאך געווארן א מפורסם, דער תלמיד מיינט ער - פון ר' מרדכי'לען, צו מיינט ער א צווייטן?

- (ר' נחמן מראה לר' לוי יצחק את הדברים ב'חיי מוהר"ן': "וסיפר מעשה מענין זה שכך אירע אצל צדיק" -) **רלוי"צ: יא יא, עס איז דאך נישט די** (זעלבע מעשה).

**ר' נחמן:** ס'איז נישט דער זעלבער מעשה?. **רלוי"צ:** ניין - דער איז דאך באלד נסתלק געווארן.

**ר' נחמן:** ווער איז געווען 'דער'? - ווייל די סארט מעשה שטייט אין ליקוטי הלכות - און רבי נתן שרייבט: "הצדיק ר' מרדכי". **רלוי"צ:** אבער וואס דא שטייט איז א באזונדערע זאך.

**ר' נחמן:** דאס קען אויך זיין אז עס איז געווען ביי ר' מרדכי'לע'ן?. **רלוי"צ:** קען זיין אז יא - אוודאי!

❖ ❖ ❖

# שבעה משיבי טעם

**ר' שמואל:** איך האב געהערט אז אונזערע לייט האבן גערופן דעם ליקוטי הלכות: "שבעה משיבי טעם" - די זיבן חלקים![מד].

**רלוי"צ:** עס איז טאקע זיבן: אורח חיים - דריי, חושן משפט - צוויי, און יורה דעה - איינער, און אבן העזר, האסטו זיבן[מה].

**ר' נחמן:** דעמאלט איז געווען אבן העזר מיט חושן משפט אין איין כרך!

**רלוי"צ:** נישט קיין נפקא מינה, אבער אורח חיים שטייט אויף דריי חלקים, חושן משפט - צוויי, און יורה דעה - איינער, און אבן העזר - איינער, האסטו זיבן.

**ר' נחמן:** איר האט אזוי געהערט, אז מען פלעגט עס זאגן?. **רלוי"צ:** איך האב נישט געהערט.

**ר' נחמן:** אז מען לערנט פינעף בלאט ליקוטי הלכות ענדיגט מען אין איין יאר - און אין אַן איבער-יאר קומט דאס אויס פונקט!

---

[מד] עי' בפרפראות לחכמה על תורה ה' תניינא, מש"ש באות י"ח, וז"ל: "ולעניות דעתי רומז בדברים אלו דברים גבוהים ונעלמים בענין מה שעיקר השארת הרשימה הקדושה של רבינו ז"ל היה על ידי הר"ר נתן ז"ל, ומה שעסק הר"ר נתן ז"ל כל ימיו לדבר עם אנשים הרבה מעבודת השם, **והקים הרבה נפשות הנפולות והחיה והשיב אותם 'בשבעה משיבי טעם' ממש, כנראה קצת גם מהרשימה הקדושה שנשאר אחרי הר"ר נתן ז"ל בהחיבורים הקדושים שחיבר שהם ליקוטי תפילות ו'ליקוטי הלכות'**, ויותר מזה אשר הרבה לדבר עם אנשים הרבה בעל פה והשיב את נפשם ממש, והכל הוא על ידי האמרות טהורות שנעשו מהרשימה הקדושה של המוחין הקדושים של רבינו ז"ל, וביותר עסק בזה הר"ר נתן ז"ל אחר הסתלקותו של רבינו ז"ל".

[מה] בדפוס ראשון נדפסו הליקוטי הלכות בששה כרכים: ג' כרכים על או"ח, כרך אחד - יו"ד, ועוד שתי כרכים - חושן משפט ואבן העזר.

**רלוי"צ:** דער סאטמאר'ער רב איז אזוי קלאר אין ליקוטי הלכות - אזוי זאגט מען; ער איז אזוי קלאר אין ליקוטי הלכות, אז אמאל ווען מען רעדט עפעס א שמועס - זאגט ער: עס שטייט דארטן! ער איז געוואלדיג קלאר אין ליקוטי הלכות.

**ר' נחמן:** ביי וועמען איז עס געווען - איר האט דאס דערציילט, אז ווען ער האט געהערט אז מען ברענגט אים דעם ליקוטי מוהר"ן איז ער ארויסגעגאנגען אנטקעגן?.

**רלוי"צ:** רבי איציקל ווארקער - אז מען האט אים געבראכט דעם ליקוטי מוהר"ן האט ער אנגעטוהן בגדי שבת - ער האט אנגעטוהן די בגדי שבת פאר גרוים שמחה[מו]. די אייניקלעך ווייסן אלע פון דעם דיבור.

**ר' שמואל:** רבי צדוק הכהן מלובלין, ביי אים אין שטוב איז געווען פיל ספרים - טויזענטער ספרים. איינמאל איז געגאנגען א מוכר ספרים - פארקויפט ספרים, האט ער געהאט דארט אן "עלים לתרופה", האט רבי צדוק געוואלט קוקן וואס דאס איז, און דער מוכר ספרים האט עס אים נישט געוואלט פארקויפן - ער האט אים געזאגט, עס איז סתם א ספר פון בריוו –

**ר' נחמן:** עס איז נישט פאר אייך - עס איז א בריוון שטעלער.

**ר' שמואל:** האט רבי צדוק דאס געעפנט און געזאגט: **"אט דעם ספר זוך איך!"** עס האט גערונען טרערן פון אים!

**ר' נחמן:** פון וועמען האסטו דאס געהערט?. **ר' שמואל:** פון ר' גדלי' קעניג. **ר' נחמן:** איך האב עס געהערט פון ר' שמואל מרדכי'ן (קארנבליט מלובלין, חותנו של ר' יעקב הלוי דב), ער זאגט אז ביי זיין טאטן אליין איז דאס געווען.

---

[מו] עי' בספר יקרא דשבתא בהקדמה: **"ושמעתי בשם גדולי הצדיקים קדמונים דמדינת קירה ופולין גדול שהיו מפליגין מאד מאד בקדושת תורתו ומאמריו הקדושים של רבינו זצ"ל ואמרו עליהם בפירוש שהם בבחינת קדושת שבת"**.

**רלוי"צ:** רבי צדוק האט נישט געקענט גיין אויף די פיס ל"ע - אין א וועגעלע פלעגט מען אים פירן. אין לובלין בין איך געווען אין זיין בית מדרש.

**ר' נחמן:** זיי זאגן אז אויף אלע רבי'נס ספרים האט רבי צדוק אפגעשריבן הגהות - אויף אלע רבי'נס ספרים!

ר' דוד צבי דאשיוווסקע שרייבט וועגן רבי צדוק'ן: **"ווער זאל זיך ריכטן אז אין די היינטיגע דורות זאלן נתקרב ווערן אזעלכע גדולי עולם צום רבי'נס זאך!".**

❖ ❖ ❖

## דראט ארבעט

**ר' נחמן:** וואס מיינט דער רבי: **'אלץ וואס טוהט זיך, איז דראט ארבעט'**[מז] - וואס הייסט 'עס איז דראט ארבעט'?. **רלוי"צ:** עס איז אן איידעלע ארבעט!

'דער אויבערשטער פירט איצטער דראט ארבעט' – עס איז אן איידעלע ארבעט, מען קען עס גארנישט פארשטיין. 'דראט ארבעט' האט געהייסן אמאל אן איידעלע ארבעט.

**ר' נחמן:** ווייל פון רבי'ן אין חיי מוהר"ן קומט אויס, אז דראט ארבעט איז, איידער מען מאכט צורעכט די מאשינען, מאכט מען דערווייל אזוי פראוויזאריש. ווייל דער רבי זאגט, אז אלץ וואס טוהט זיך היינט איז דראט ארבעט אנקעגן וואס עס וועט זיין!. **רלוי"צ:** יא, אַן הקדמה.

**ר' נחמן:** דאס איז אלץ רמזים בעלמא נגד מה שיהיה לעתיד!

❖ ❖ ❖

---

[מז] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, ע"ח. ועי' גם בחיי מוהר"ן אות ר"פ.

**ר' נחמן:** די וואך וועלן מיר האבן גרויסע יארצייטן: ח"י און י"ט כסלו. **רלוי"צ:** ח"י איז רבי ברוך'ל (ממעזשבוזש); און י"ט איז דער מעזריטשער מגיד.

**ר' נחמן:** שבת וועט זיין דעם רבי'ן רבי ברוך'לס יארצייט.

**השואל:** ר' ברוך'ל איז נסתלק געווארן ע"א?. **רלוי"צ:** ניין, שפעטער. **ר' נחמן:** ר' ברוך'ל איז נסתלק געווארן אפאר יאר נאכן רבי'ן (ח"י כסלו תקע"ב).

**השואל:** פון וואס איז ר' ברוך'ל אוועק, ער האט געליטן אויף א הוסט?. **רלוי"צ:** ער איז אוועק אויף דער עלטער.

**ר' נחמן:** שנת תקס"ו האט דער רבי געשיקט ר' שמואל טעפליקער אפצוקויפן די קלייטן[מח] - איך האב געהערט איינעם דערציילן די מעשה - און ער האט מוסיף געווען אינמיטן, אז דער רבי ר' ברוך'ל האט זיך אנגערופן: "בין כסה לעשור האט מען אינזינען אזעלכע זאכן?!" - עס איז געווען דעמאלט 'בין כסה לעשור'. אז ער איז צוריקגעקומען צום רבי'ן, האט ער דערציילט די מעשה - אז ער האט אים געגעבן - - און אז דער רבי ר' ברוך'ל האט געזאגט דעםווארט. האט זיך דער רבי אנגערופן: **"וואס זאל איך טוהן אז ביי מיר איז א גאנץ יאר בין כסה לעשור!?"** - איך האב עס געהערט פון ר' דוד נאוואמינסקי[מט] - פון שדה יעקב, ער זאגט אז ער האט אזוי געהערט די מעשה דערציילן אין חוץ לארץ.

❖ ❖ ❖

[מח] עי' שיש"ק (חדש) ח"א, תקנ"א.

[מט] **ר' דוד נובומינסקי** (פאלטוסקער) ב"ר צבי נתן נטע. ת"ח ולמדן עצום, היה בשבי עם שאר פליטי עיר העתיקה ירושלים בעֵבר הירדן בשנת תש"ח תש"ט כעשרה חדשים. היה חתן ר' לייבל (פראמפעלער). נלב"ע כ' ניסן תשמ"ג.

(ר' שמואל מזכיר את ההנהגה שנתן רבינו לרבי דוב מטשעהרין - לקום בשעה שלש, לאחר שאמו באה לרבינו הקדוש בקובלנא שקימת חצות מזיקה לבריאתו[נ]) **ר' נחמן: עס זענען געווען זקנים** פון אונזערע לייט וואס זענען אויפגעשטאנען דריי פארטאג - דאס האט דאך דער רבי געזאגט נאר ר' בער'ן! דער רבי האט אים געקענט מאכן אזא מין זמן. ר' מאיר אנשין פלעגט אויפשטיין דריי פארטאג; אלע טאג - דריי אזייגער, איז ער אויפגעשטאנען, פונקטליך!

❖ ❖ ❖

**ר' נחמן:** דער רבי האט דערמאנט: "ער האט געזעהן בעולם העליון ווי א אינגערמאן דאוונט, זענען אלע געלאפן, איז ער אויך געלאפן. האט ער געזעהן ווי א אינגערמאן שטייט און דאוונט געשמאק - "האב איך אויפגעדעקט דאס פנים, האב איך געזעהן[נא]..." איז ווי האט דער רבי געזאגט - בלשון תמיהה האט דער רבי געזאגט?.

**רלוי"צ: "האב איך אפגעדעקט דעם טלית - דאס איז טאקע מיין נפתלי?!".**

**ר' נחמן: אה, אמאל איז דא א תמיהה קיימת!**

❖ ❖ ❖

**השואל:** ווען איז ר' פנחס קיבליטשער אוועק?. **רלוי"צ:** אין די למד'ן.

---

[נ] כוכבי אור אנשי מוהר"ן אות כ"א.

[נא] הובא ב"אבניה ברזל" - שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת אות ס"ג.

**ר' נחמן:** ער איז מקורב געווארן אין די למד'ן, אדער ער איז אוועק אין די למד'ן?. **רלוי"צ:**ביידע צוזאמען; ער איז נפטר געווארן ביי עטליכע אין דרייסיג. **הנוכחים:** די גאנצע מלמדות איז געווען נאר אפאר יאר, הייסט עס!

❖ ❖ ❖

## אנגעוואונטשן אריכת ימים

**ר' שמואל:** וואס האט דער רבי געזאגט - אז רבי נפתלי'ס זאך איז ציצית - כאטש אז נפתלי איז אותיות תפילין[נב], איז זיין זאך ציצית, און רבי נתן'ס זאך איז תפילין?. **רלוי"צ:** "**רבי נפתלי'ס זאך איז ציצית - כאטש אז נפתלי איז תפילין!**".

**ר' נחמן:** אבער אז 'רבי נתן'ס זאך איז תפילין' האט דער רבי נישט געזאגט?. **רלוי"צ:** דאכט זיך אז ניין - עס שטייט אזוי? **ר' נחמן:** געהערט האב איך אזוי, מען דערציילט עס צוזאמען!

**ר' נחמן:** רבי נפתלי איז געווען נזהר אלעמאל צו טראגן ביי זיך א בינטל ציצית?. **רלוי"צ:** יא, יא![נג]

❖ ❖ ❖

**ר' משה בינענשטאק:** דער רבי האטביידן - רבי נתן און רבי נפתלי - געוואונטשן מיט אריכת ימים?. **רלוי"צ:** יא – "**לאנג לעבן זאלט איר!**"

---

[נב] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ז.

[נג] עי' שיש"ק (חדש) ח"ב, תש"צ.

**ר' נחמן:** צו ווען האט דאס דער רבי געזאגט? **רלוי"צ:** צו ביידן - דארטן ביי די נסיעה פון לעמבערג[נד].

**ר' נחמן:** דער רבי האט געפרעגט וואס ווילט איר - צו זאל ער בענטשן, צו זאל ער זאגן תורה? **רלוי"צ:** דער רבי האט זיי געבענטשט: "לאנג לעבן זאלט איר" – ער האטביידן געבענטשט צוזאמען - אינמיטן די נסיעה איז עס געווען.

**ר' נחמן:** עס שטייט: אז זיי זענען אים נאכגעלאפן אין קראסנע[נה]. **רלוי"צ:** יא; עס איז געווען נאכמאל, דאכט זיך.

❖ ❖ ❖

**ר' חיים שלמה ראטנבערג:** עס איז געווען אמאל וואס דער רבי האט געהייסן זינגען - האט רבי נתן גענומען זינגען, און דער רבי האט געזאגט: "איך האב געוואלט רבי נפתלי זאל זינגען"? **רלוי"צ:** יא יא. **ר' חיים שלמה:** פארוואס? **רלוי"צ:** ווייל ער איז געווען א מנגן[נו].

❖ ❖ ❖

**ר' חיים שלמה:** דער רבי האט געזאגט: "**פארוואס פארט איר צו מיר? איך האב אייך פיינט!**"?[נז].

---

[נד] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, תרע"ד.

[נה] ימי מוהרנ"ת אות כ"ו.

[נו] עי' אבניה ברזל שיחות וסיפורים מרביז"ל אות מ"ה: "פעם אחת היה יושב רבינו ז"ל בחדר מיוחד בשלש סעודות כדרכו תמיד, ובבית הגדול ישבו מוהרנ"ת ור' נפתלי. ושלח אליהם את המשרת לומר להם שיזמרו זמירות. ותיכף כשמע מוהרנ"ת התחיל לזמר. אחר־כך שאל רבינו זצוק"ל, ראשית: מדוע לא הייתם מזמרים? והשנית - **כשצויתי לזמר היה צריך רבי נפתלי לזמר כי היה לו קול נגינה**".

[נז] הועתק באבניה ברזל שיחות וסיפורים מרביז"ל, אות מ"א.

**רלוי"צ:** דער 'וואָרט' איז קיין דיבור נישט; דער ווארט פון 'פיינט' דארף מען נישט אריינשטעלן. דאס איז עפעס אזוי נישט שיין; אי עס איז נישט ריכטיג, אי עס איז נישט שיין - אזא ווארט?! א נארישע שיחה, עס איז נישט קיין ריכטיגע זאך.

❖ ❖ ❖

**ר' חיים שלמה:** עס איז געווען א מעשה מיט ר' חייקל'ען מיט א נחש - ער האט געזאגט אז ער קען אויפהויבן א נחש מיט חכמה, און דער רבי האט אים געווארפן דאס טאש-טיכל און עס איז געווארן א נחש, און ער האט געהייסן אויפהויבן האט ער אויפגעהויבן - . **רלוי"צ:** (ואמר רבינו:) נישט ווייל איך הייס דיר - נאר מיט חכמה, האט ער נישט געוואלט[נח].

**ר' נחמן:** די מעשה האט איר געהערט - די מעשה מיטן נחש? **רלוי"צ:** יא, מען דערציילט דאס.

❖ ❖ ❖

## להרחיק בין האילנות

**ר' חיים שלמה:** ר' ישראל לייב[נט] [מבאפאליע] האט זיך געוואלט באזעצן אין אומאן, און ר' נחמן טולטשינער האט נישט מסכים געווען? **רלוי"צ:** יא יא[ס].

---

[נח] הובא ב"אבניה ברזל" שיחות וסיפורים מרביז"ל, אות ע"ג: "פעם אחת דיבר רבינו ז"ל עם רבי חייקיל, ורבי חייקיל הסביר לרבינו ז"ל על־פי חכמה שיכולים לאחוז נחש בראשו ולא יזיק. זרק רבינו ז"ל את המטפחת שלו לארץ ונעשה נחש, ואמר לרבי חייקיל אחוז אותה בידיך, ואחז אותה בידיו ואמר לו: 'אחוז אותה בידיך - **ניט ווייל איך הייס דיר** (- לא בגלל שאני מצוה אותך), רק מחמת חכמה', ולא רצה".

[נט] "ער האט געקענט ר' נתן'ען, עס איז דא אסאך צו רעדן פון אים, ער איז געווען א געוואלדיגער עובד ה' - דער ר' ישראל לייב, ער פלעגט דאווענען שעה'ן שעה'ן, א גרויסער עובד ה'". (רלוי"צ. טייפ, אדר תשל"ח).

[ס] עי' אבניה ברזל שיחות וסיפורים מרבי נחמן טולטשינער (אות ס"ו): "בימי הר' נחמן טולטשינר ז"ל, היה בבאהפוליע אחד מאנשי שלומנו צדיק וישר הר' ישראל לייב אבי הר' אשר באהפליער. ובעת זקנתו היה

**ר' חיים שלמה:** פארוואס האט ער נישט מסכים געווען? ער האט זיך נאך דעם באזעצט?. **רלוי"צ:** יא.

**ר' חיים שלמה:** ער האט געזאגט פאר ר' נחמן טולטשינער: "לאמיר ברענגן צום רבי'ן דעם משפט?. **רלוי"צ:** יא.

**ר' חיים שלמה:** ר' נחמן האט אזוי געטוהן?. **אחד הנוכחים:** ר' נחמן איז געגאנגען בעל כרחו, ער האט אים אוועקגעשלעפט. **רלוי"צ:** נישט געשלעפט – ער (רבי ישראל לייב הנ"ל) איז ארויפגעקומען אויפן ציון - איז געווען (דארט) ר' נחמן. האט ער א זאג געגעבן: לאמיר זיך לדון'ען ביים רבי'ן!

**ר' חיים שלמה:** וואס איז געווען די סיבה פארוואס ער האט נישט געוואלט?. **ר' נחמן:** ער ברענגט דאך דא (אין "אבני"ה ברזל") - פארוואס! עס שטייט אין 'ספר המידות'[סא]: אז צוויי צדיקים זאלן נישט וואוינען אין איין שטאט.

---

חפצו להעתיק מושבו לאומאן, ושם סמוך להקלויז לבנות לו מכיסו בית מיוחד, ואחר פטירתו יהיה ירושה שייך להקלויז, ותמיד יהיה עוסק בעבודת ה', ובכל פעם להיות על ציונו הקדוש אשר דרכו היה לפעמים לבלות כל הלילה על ציונו הקדוש, וכן ביום אחר התפילה ולא טעם כלום הלך על ציונו הקדוש ושהה שם ערך ארבע חמשה שעות. ומה טוב היה לפניו כשיהיה מושבו באומאן אצל הקלויז. אבל הר' נחמן הנ"ל מאן בזה מטעמים ידועים לו, ועוד משום שקשה לשני צדיקים לדור במקום אחד. והר' ישראל לייב היה מחזיק בדעתו שאמר שכוונתו באמת לשם שמים. וכן אמר כמה פעמים אחר השתטחותו על ציונו הקדוש שכן צריך לעשות (על־פי המקובל אצל אנשי שלומנו מעשה שהיה בימי רבינו ז"ל שכשאחד מסופק באיזה דבר שקודם ההתבודדות אודות זה ישוה בדעתו ההן והלאו ואחר ההתבודדות איך שיפול ברעיון הראשון כן יעשה). אבל קשה הדבר מאד לבא לבחינה זו באמת (שהמדמה מאד מאד מטעה את האדם שפעל בדעתו ההן והלאו שוה, ובאמת אחר ההתבודדות רעיונו הראשון אחר האופן שחפצו המדמה נוטה). פעם סיפר הר' נחמן ז"ל, שהזדמנו יחד על ציון רבינו ז"ל, אמר לו ר' ישראל לייב הנ"ל, נקריב משפטינו לפני רבינו ז"ל. בשעה שאמר לי זאת, חיל ורעדה אחזתני שזה בחינת 'המוסר דין לשמים', אבל מה לעשות ואין לסרב בזה. אמרתי לו אם כן נציע כל אחד לפני רבינו ז"ל את טענותינו, וכן עשינו. כשירדנו משם והוא הר' ישראל לייב הנ"ל באחת, שרעיונו הראשון גם אז היה שכן יעשה כמו שלבו חפץ וכן עשה. והעתיק מושבו לאומאן אצל הקלויז, ולא הוציא שנתו רחמנא לצלן".

[סא] עי' ספר המידות ערך 'מריבה' אות מ"ט.

רלוי"צ: איך ווייס נישט 'פארוואס' - אזוי איז געווען. ר' נחמן האט נישט מסכים געווען - עס איז צוויי אנדערע זאכן (- זה אינו קשור למה שכתוב בספר המידות); דאס איז (הסיבה) פארוואס רבי נתן האט נישט געוואוינט אין אומאן, דעם רבי'נס שטאט, ווייל אז רבי נפתלי האט דארט געוואוינט, האט רבי נתן נישט געקענט דארט וואוינען[סב].

❖ ❖ ❖

## העכער פון תיקונים!

ר' חיים שלמה: איינער האט געוואלט צוריקהאלטן דער מגיד פון טירהאוויצע, אים אפגערעדט פון רבי'ן[סג]?. רלוי"צ: ווער זאגט דאס? וואו שטייט דאס - אין אבניה ברזל? איך האב עס קיינמאל נישט געהערט.

ר' נחמן: האט ער גערופן דעם איידעם (ר' יצחק חתן המגיד) ער זאל אים ברענגען כתבים פון דעם רבי'ן, האט ער אים געברענגט, האט ער געזעהן דארט די תורה "אמר אל הכהנים". האט דער מגיד געזאגט: וואס זאל איך זאגן - **עס איז זוהר? עס איז העכער פון זוהר! עס איז תיקונים? עס איז העכער פון תיקונים!**.

רלוי"צ: דאס האב איך יא געהערט![סד]

❖ ❖ ❖

---

[סב] עי' ליקוטי מוהר"ן סי' ס"ה, שלפעמים צריכין ליתן הרחקה בין האילנות שלא יכחיש אחד את חבירו, עיי"ש.

[סג] עי' אבניה ברזל שיחות וסיפורים ממוהרנ"ת אות ס"ב.

[סד] עי' פרפראות לחכמה סי' ט"ו: "ושמענו בשם הרב הקדוש וכו' מוהר"ר יקותיאל ז"ל הרב המגיד מטיראוויציא שראה פעם אחת את המאמר הזה (בליקו"מ סי' ב'), ועיין בו כמה פעמים כסדר, זה אחר זה, כשהיה בכתובים עדיין, והפליג מאוד בשבחיו, וכמדומה שאמר עליו **שהוא כמו זוהר ותיקוני זוהר הקדוש וכו' וכו'**".

**ר' חיים שלמה:** דער רבי האט געזאגט: צו א ערליכן אידן טשעפעט דער בעל דבר צו א שגעון?. **רלוי"צ:** יא![סה]

**ר' חיים שלמה:** קעגן וואס האט דער רבי דאס געזאגט - קעגן פירסום?. **רלוי"צ:** נישט נאר קעגן פירסום; ער האט דאך אסאך זאכן - האט ער א שגעון אויך.

**ר' נחמן:** איינמאל שטייט 'אז דער יצר הרע פון די כשרים איז א דיבוק!'[סו] – דאס האט דער רבי איינמאל געזאגט. און דער רבי האט געזאגט נאכאמאל: אז דער בעל דבר וויל זיך נעמען צו אן ערליכן אידן - טשעפעט ער אים צו א שגעון!

**השואל:** דער רבי האט נישט געזאגט עפעס 'דמיונות'?. **רלוי"צ:** דער דיבוק איז דאך אזעלכע דמיונות, וואס איז א דיבוק?!

---

[סה] עי' כוכבי אור אנשי מוהר"ן, אות ט"ז: "אמר, **היצר הרע מניח את עצמו על האדם הכשר שידבק בו איזה דבר שגעון**".

[סו] עי' שיש"ק (חדש) ח"ג, קפ"ה. ובליקוטי תפילות תפילה צ"ב.

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוהר"ר **נתן** ב"ר יצחק **פריעדמאן** הי"ו
לרגל נישואי בנו החה"ח **י-הוסף** נ"י
ומחותנו מוהר"ר **טובי' ליבערמאן** הי"ו
לרגל נישואי בתו הכלה
אחב"י מאנסי
החתונה תתקיים בשעטומ"צ יום א' חוקת (חו"ל)
באולם עטרת טשארנא, מאנסי, למזל טוב

מוה"ר **אהרן**
**קאהן** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

מוה"ר **יושע**
**לאבין** הי"ו
סטעטן איילענד יצ"ו
לרגל הולדת הבת
למזל טוב

מוה"ר **יעקב**
**גערטנער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בתו
למזל טוב

מוהר"ר **שמואל דוד ראפאפארט** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל אירוסי בתו עם החה"ח **אלימלך** ב"ר
יצחק אריה **פארקאש** הי"ו - לעיקוואד
למזל טוב

מוה"ר **יוסף זכרי'**
**שווארץ** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מרת
**רוחמה שרה** ע"ה
ב"ר **יצחק** הי"ו
נלב"ע י"ב שבט
תשע"ט
ת.נ.צ.ב.ה

לעילוי נשמת מו"ה
**יעקב** ב"ר **שמואל**
**הכהן** ע"ה
נלב"ע י"ג אייר
תשפ"א
ת.נ.צ.ב.ה